„נייער פאלקסבלאט" קאסט נאר 10 גראשען

היינט 8 זייטען.

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 10 גראשען.

# נייער פאלקסבלאט

№ 180 | לאדז, מאנטאג י' אב תר"ץ | אכטער יאהרגאנג | Łódź, Poniedziałek, 4 sierpnia 1930 r. | № 180

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71 — Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71.

# נייע באגרענעצונגען פון די יוד. רעכט ביים כותל-מערבי

ירושלים, 3. (יט"א טעלעגראפיש).

שבת אין אווענד האט די פאליציי נישט ערלויבט אנצוצינדען ליכט ביים כותל-מערבי אז מען זאל קענען לייענען קינות. מען האט אויך נישט ערלויבט צו זיצן אויף זעק, וואס דאס פלעגט דאך פיהרען לויט א אלטער טראדיציע.

דער דיסטריקט קאמיסאר האט ערקלערט א פאר-שפרעכער פון ועד-לאומי, אז ער וועט נישט ערלויבען מקדש צו זיין די לבנה.

די אלע פאקטען האבען ארויסגערופען א גרויסע אויפרעגונג ביי דער יודישער באפעלקערונג, ווייל זיי ווערען באטראכט אלס נייע באגרענעצונגען פון די יודישע רעכט ביים כותל.

## 10 טויזענד יודען האבען אין תשעה באב באזוכט דעם כותל מערבי

ירושלים, 3. (יט"א טעלעגראפיש).

די פאליציי שאצט אז די צאהל יודען וואס האבען נעכטען תשעה באב באזוכט דעם כותל מערבי איז צעהן טויזענד מאן. אן אנאנימער פהערליכער שטראם מענשען האט זיך געצויגען נעכטען פארן כותל פון שפעט אין אווענד. די רבנים האבען נישט ערלויבט די מתפללים צו שטערען אויף די הויפט געסלעך וואס פיהרען צום כותל.

## נאציאנאלער טרויער אין תל-אביב

ירושלים, 3. (יט"א טעלעגראפיש).

תל-אביב האט זיך נעכטען געפינען אונטערן צייכען פון נאציאנאלען טרויער. אויף די גאסען איז געווען פינסטער, ווייל מען האט נישט אנגעצונדען די לאמפען. די טעאטערס און קינאס זענען געווען גע-שלאסען.

דער בית-עולם איז געווען איבערפולט פון א גרויסער מענשען-מאסע וואס איז געקומען אויסהערען פראפ. קלויזנערס רעפעראט וועגען חורבן ירושלים.

---



# כדי צוגענגליך צו מאכען דעם „נייעם פאלקסבלאט"

## פאר אלע אהן אויסנאהם קרייזען פון יודישען לעזער-עולם,

כדי יעדער איינציגער יודישער לעזער זאל קאנען געניסען פון א גרויסער צייטונג, וואס איז אלזייטיג אינפארמירט און פובליציסטיש און ליטע-ראריש אוועקגעשטעלט אויף דער מדרגה פון די גרויסע אייראפעאישע בלעטער, האבען מיר באשלאסען

# צו פערקלענערען דעם פרייז פון „נייעם פאלקסבלאט" אויף א העלפט.

פון היינט אן קאסט א נומער „נייער פאלקסבלאט"

# נאר 10 גראשען

די צייטונג וועט ערשיינען אין זעלבען פארמאט פון 8—10 זייטען א טאג, מיט דעמזעלבען רייכען אינפארמאציאנען, פובליציסטישען און ליטעראַרישען אינהאלט, ווי ביז איצט; אדרבא, מיר וועלען זיך מיט אלע כוחות באמיהען אונזער צייטונג אין אלע הינזיכטען, סיי רעדאקציאנעל, סיי טעכניש וואס ווייטער אלץ מעהר צו בערייכערן און צו פערפולקאמען.

פערלאג „נייער פאלקסבלאט".

---

# הנחה פאר די קופאנען-זאמלער פון „נייעם פאלקסבלאט"!

פאר אלע, וואס זאמלען די קופאנען אויף די פרעמיען-קאנקורסען פון „נייעם פאלקסבלאט ערקלערען מיר א גרויסע הנחה. דהיינו.

אל ע וואס וועלען צושטעלען די קופאנען נומער 18 (פון היינטיגען נומער), נומער 19 און 20 און 4 צוגאב-קופאנען

וואס וועלען געדרוקט ווערען, וועלען זיך אויף גלייכע יסודות בעטייליגען אין גורל פון גרויסען פרעמיען-קאנקורס

## צו געווינען 100 פראכטפולע פרעמיעס.

---

אין היינטיגען נומער „נייער פאלקסבלאט" הויבט זיך אן צו דרוקען א העכסט-אינטערעסאנטע און שפאנענדע סעריע ארטיקלען א. ג.

# „לאדזער פראוואקאטארען"

פינסטערע געשטאלטען פון דער לאדזער פערגאנגענהייט.

פאר' ן לעזער וועלען פערביינעהען א רייה מערקווירדיגע קאפיטלען און געשטאלטען פון דער לאדזער געשיכטע. דער בעריהמטער פראוואקאטאר נ. ח. דער בלוטיגער תליון פרעמעל א.א.וו. א.א.וו. — די סעריע וועט איהר לייענען מיט דעם גרעסטען אינטערעס.



---

אחרי מחלה קצרה וכבדה נפטר בש"ט החסיד והמופלג

# ר' אהרן (אריש) כהן ז"ל

**בשנת שבעים ושבע לימי חיו**

ההלויה תהי' היום, ביום ב' בשעה 1 אחה"צ, ממעונו רחוב צעגעלניאנא 66

## המתאבלים עליו

בנותיו, חתניו, אחיו, אחיותיו, ונכדיו וכל משפחתו.

8029

---



# אכטונג, פריזיער-מייסטער!

דערמיט מאכען מיר באקאנט, אז מארגען, דינסטאג, דעם 5-טען אויגוסט ד. י., פינקטליך 9 א זייגער אווענד קומט פאר אין אייגענעם לאקאל

## אן אויסערארדענטליכע פערזאמלונג

מיט א זעהר וויכטיגער טאג-ארדנונג, ווי: פערלייכטערונגס-עקזאמענס, דער-גענצונגס-קורסען און פערשידענע וויכטיגע פאך-פראגען, דעריבער איז זעהר געווינשען, אז קיין איינציגער מיטגליד זאל נישט פעהלען.

בעמערקונג: כדי נישט צו פערלירען דאס מיטגלידס-רעכט, ווערט געבעטען בעצייטענס צו רעגולירען די פערלעגענע מיטגלידס-ביטראגען, אין געגענפאל וועלען מיר זיין געצווינגען צו באנוצען זיך מיט דעם פאראגראף 11 פונקט 1 פון אונזער סטאטוט.

מיט אכטונג **די פערוואלטונג פון פריזיער-צעך**

אין לאדז, פעטריקאווער 85

